באריכט פון ה. י. עפשטיין וועגן זיין באזוך אין די ייִדישע לאנדווירטשאפט.קאָלאָניעס.

צום צענטראל-קאמיטעט פון „אָרט״

אין ווארשע

פון דעם 14/10 ביז דעם 5/11 האב איך באזוכט די פאלגענדע פונקטן: איוואניקי, איגנאטאווקע, סאפיעווקע, אסאווא, ראפאלאווקע, משעלידסק און עלי-זאראווקע. דער ציל פון באזוכן די אנגעוויזענע קאלאניעס איז באשטאנען וועגן איינפלאנצן פרוכט-ביימער, ווי אויך איינמאנען די חובות פון דער געזעלשאפט „אָרט״. דער רעזולטאט פון דעם באזוך איז פאלגענדער:

אין דער קאלאניע איוואניקי האט זיך ארויסגעוויזן, אז דארטן האט זיך פארנומען מיט איינפלאנצן 1600 ביימער די געזעלשאפט „יקא״ אויף זייער ניט פאסנדע באדינגונגען. דערזעענדיק מיך האבן די לאנדווירטן שטארק באדויערט פארוואס מיר האבן זיי ניט מיטגעטיילט, אז די געזעלשאפט „אָרט״ האט נאך צייטווייליק אפגעשטעלט די ארבעט, און ניט קוקנדיק אויף דעם וואס די ביימער זיינען שוין אין איוואניקי, האבן זיי געוואלט איבערגעבן די ארבעט אונדז. איך האב זיי געענטפערט, דאס איך קאן גארנישט טון אין דעם איניבט ביז איך וועל זיך נישט פארשטענדיקן מיט אונדזער צ.ק. אין ווארשע, ווי אויך, אז עס איז ניט פאסיק פאר זיי, אז זיי זאלן זיך אפזאגן פון די ביימער אין דער צייט ווען די לעצטע זיינען שוין אין איוואניקי. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז איניגע לאנדווירטן האבן נישט איינגעגאנגען אויף די באדינגונגען פון דער געזעלשאפט „יקא״ און האבן געבעטן, אז מיר זאלן זיי פלאנצן ביימער. איך האב אבער איינגעפונען, אז עס איז ניט פאסיק, ווען די געזעלשאפט „יקא״ ארבעט שוין דארט, זאלן מיר זיך איינצייטיק אויך פארנעמען מיט דער זעלבער ארבעט און איך האב באשלאסן פארל… פיק ניט צו פלאנצן אין איוואניקי קיין ביימער ביז איך וועל זיך וועגן דעם מי… אייך ניט פארשטענדיקן. אין אלגעמיין זיינען די לאנדווירטן ניט צופרידן מיט דער ארבעט פון דער געזעלשאפט „יקא״ און בעטן דורכאויס, אז די געזעלשאפט „אָרט״ זאל זיי קומען צו הילף אין וועלכער זי נויטיקט זיך זייער. $$$$$ איי-ניגע לאנדווירטן, וועלכע האבן א דאנק אונדז זיך פארנומען מיט גערטנעריי האבן מיר אנגעוויזן, אז דעם זומער האבן זיי ניט געהאט וועמען צו פארקויפן די אוגערקעס פון זייערע גערטנער, און זיינען געווען געצוואונגען קארמענען מיט זיי די בהמות. קאנסערווירן די אוגערקעס האבן זיי ניט געהאט די מעגלעכקייט, וויל זיי האבן ניט געהאט קיין קעלער און קיין פעסער/דערביי בעטן זיי, אז מען זיי אויס-לייען געלט אויף איינקויפן פעסער און אויסבויען א קעלער. אי גענפאל וועלן זיי זיין געצוואונגען פארלאזן די גערטנעריי און דאס וועט זיין פאר זיי א טרויעריקע ערשיינונג. איך האב זיי געענטפערט, אז זיי זאלן זיך ווענדן צו אייך קיין ווארשע, און איך האף, אז איר וועט דאס נעמען אין אכט ערפילן זייער ווונטש. די לאנדווירטן זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז זיי זיינען גענויט צו פארנעמען זיך מיט מער אינטענסיווע קולטורעס ווי פעלד-ארבעט, אום זיי זאלן קאנען האבן פון